# קיצורים

## דוד־הירש ראָסקעס

## אײַזיק־מאיר דיק: דער מעשׂה־דערציילער ווי אַ הײַנטוועלטישער מגיד

להיפּוך צו פּריִערדיקע שטודיעס (מײַנע בתוכם), וואָס האָבן געשטעלט דעם טראָפּ אויף אײַזיק־מאיר דיקן ווי אַ פֿאָרגייער פֿונעם מאָדערנעם אין דער ייִדישער פֿאָלק־ליטעראַטור, הייבט זיך אָן דער איצטיקער עסיי מיט דיקס אָפּוויַיכן פֿון פּאָליטיק און פּאַראָדיע. סײַ צוליב פֿינאַנציעלע גורמים, סײַ צוליב אַן אידעאָלאָגישער רעוויזיע, האָט דיק גענומען זיך ווענדן אויסשליסלעך צו זײַן טײַערער לעזערין, צו שרײַבן אינעם ״פֿאַרשאָלטענעם זשאַרגאָן״, און זיך אַליין פֿאָרצושטעלן ווי אַ מיושבֿדיקן תּלמיד־חכם, וואָס דערציילט מעשׂיות אין אַ נאָווינע. פֿון אַלע פֿאַראַנענע זשאַנערס אינעם השׂכּלה־אַרסענאַל — פּאַראָדיע, סאַטירע, כּמו־ביבלישער ראָמאַנס, סענטימענטאַלער ראָמאַן — האָט דיק זיך אויסגעקליבן אַ מיטנוועג ווו פֿאַנטאַסטיק האָט באַקעמפֿט פֿאַנטאַסטיק, און סאַטירע האָט באַקעמפֿט דאָס ייִדישע טיפּשות אין צאַרישן רוסלאַנד. אַ דאַנק זײַן פֿענאָמענאַלער פּראָדוקציע איז דאָס נישטיקע מעשׂה־ביכל געוואָרן אַ מין פּינקס פֿון היסטאָרישן פּראָגרעס, און אַ בלײַביקע גאַלעריע פֿון פֿאָלקסטיפּן — פֿון רבנים ביז גנבֿים. און אין איין זעלטן־געראָטענעם ווערק, **באָרוסקע דער שומר**, האָט זיך דיקן אײַנגעגעבן צו געפֿינען אַ במקום־׳איך׳ אינעם באַוווּסטן לאַנדסמאַן זײַנעם, דעם דובנער מגיד.

עס ווערט איבערגעדרוקט אײַזיק־מאיר דיקס מעשׂה־ביכל **דער יורד** (וואַרשע, 1855), אין אָריגינאַל און אין העברעיִשער איבערזעצונג.

## שאול גינזבורג

# צו דער געשיכטע פֿון דער "בהלה" אין תּקצ"ה

דער היסטאָריקער שאול גינזבורג (1940–1866), וועלכער איז אויך געווען אַ ליטעראַטור־פֿאָרשער און אַ פֿאָלקלאָריסט, דערציילט אין זײַן עסיי, וואָס דינט ווי אַן אַרײַנפֿיר צו אײַזיק־מאיר דיקס העברעיִשער דערציילונג "די בהלה", וועגן די געשעענישן וואָס האָבן געדינט ווי אַ פֿאָן צו דער מעשׂה.

ריידן רעדט זיך דאָ וועגן אַ מכלומרשטער גזירה פֿון צאַר ניקאָלײַ דעם ערשטנס מיניסטער, אַז מע זאָל פֿאַרבאָטן ייִדן זאָלן יונגערהייט חתונה האָבן, כּדי מע זאָל קענען מאָביליזירן די יונגע־לײַט און נעמען זיי פֿאַר סאָלדאַטן. די קלאַנגען וועגן אָט דער גזירה אין 1835 האָבן אַרויסגערופֿן אַ בהלה, און ייִדן האָבן אָנגעהויבן תּיכּף־ומיד חתונה צו מאַכן זייערע קינדער.

אײַזיק־מאיר דיק דער משׂכּיל לאַכט אויס די 'בהלה', וואָס ער האָט משמעות אַליין געזען אין דער שטאָט ניעסוויעזש.

עס ווערט איבערגעדרוקט די דערציילונג לויט דער פובליקאַציע אין **העבר** (באַנד 2, פעטראָגראַד 1918), וואָס איז בשעתו צוגעגרייט געוואָרן לויט אַ כּתבֿ־יד.

שלום לוריא

# "שיחת־חולין" — יהודה־לייב גאָרדאָנס ייִדישע לידער

ווי באַקאַנט האָט דער באַרימטער העברעיִשער פּאָעט און השׂכּלה־שרײַבער יהודה־לייב גאָרדאָן (יל״ג), וואָס האָט ניט איין מאָל פּראָקלאַמירט זײַן נעגאַטיוון צוגאַנג צו ייִדיש, אַליין געשריבן לידער אין דער שפּראַך און האָט זיי צוזאַמענגעקליבן אין אַ קליין ביכל (20 לידער, 104 זײַטלעך), וואָס זײַן פּערטע(!) אויפלאַגע איז אַרויס אין ווילנע אין 1899, זיבן יאָר נאָכן פּאָעטס טויט.

ילג״ס לידער אויף ייִדיש זײַנען געווען גאַנץ פּאָפּולער בײַם עולם לייענערס, און צווישן די ייִדישע צווייִשפּראַכיקע פּאָעטן פֿון יענעם דור (מיכל גאָרדאָן, אַבֿרהם־בער גאָטלאָבער, אליעזר־צבֿי צווייפֿעל און אַפֿילו מענדעלע מוכר־ספֿרים) פֿאַרדינען זיי אָן ספֿק אַ בכּבֿודיק אָרט.

דער עסיי פּרוּווט באַווײַזן, אַנאַליזירנדיק עטלעכע לידער, אַז יל״גס פּאָעטישער אויפטו אויף ייִדיש איז ווערט מען זאָל אים אויפמערקזאַם לייענען און אויסשעפּיק אויספאָרשן.

אַבֿנר האָלצמאַן

# אַ דאָקומענט וועגן י.־ל. פּרצעס ביאָגראַפֿיע אין יעקבֿ דינעזאָנס אַ בריוו

דער מחבר ווײַזט אָן אין זײַן אַרײַנפֿיר אויף אַ בריוו אין העברעיִש, וואָס דער ייִדישער שרײַבער יעקבֿ דינעזאָן האָט אָנגעשריבן צו מיכה־יוסף בערדיטשעווסקין ווי אַן ענטפֿער אויף זײַן בקשה אים צו באַזאָרגן מיט מער אינפֿאָרמאַציע וועגן י.־ל. פּרצעס לעבן און שאַפֿן. דינעזאָן איז געווען פּרצעס נאָענטסטער פֿרײַנד און מיטאַרבעטער, און בערדיטשעווסקי האָט זיך געקענט משער זײַן, אַז ער ווייס וועגן פּרצן מער פֿאַר אַלעמען. אין ערשטן טייל פֿונעם בריוו שרײַבט דינעזאָן וועגן דעם פֿאָרמאַטיוון פּעריאָד אין פּרצעס לעבן, אָנהייבנדיק מיט די קינדער־יאָרן אין זאַמאָשטש. ער באַשרײַבט די אַנטוויקלונג פֿון פּרצעס קינסטלעריש שאַפֿן ביז ער איז געוואָרן איינע פֿון די צענטראַלע פֿיגורן אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אין צווייטן טייל פֿונעם בריוו דריקט דינעזאָן אויס זײַן אייגענע מיינונג וועגן די שפּראַכלעכע און ליטעראַרישע שײַכותן צווישן ייִדיש און העברעיִש. אויסער דעם ברענגט ער פֿאָר עטלעכע פֿון זײַנע אייגענע געדאַנקען וועגן דעם שאַפֿערישן פּראָצעס, ווי למשל מכּוח אויסניצן אויטאָביאָגראַפֿישן מאַטעריאַל אין זײַנע דערציילונגען.

דער אַרײַנפֿיר באַשרײַבט די פּערזענלעכע און ליטעראַרישע באַציִונגען צווישן די דרײַ שרײַבערס – בערדיטשעווסקי, פּרץ און דינעזאָן – און שטעלט אַוועק דעם בריוו אין אַ ברייטערן היסטאָרישן און קולטורעלן קאָנטעקסט.

אַבֿרהם נאָווערשטערן

# דער טויטנטאַנץ: וועגן פּרצעס "ביַי נאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק"

אַן אַנאַליז פֿון דעם ערשטן ,קריטישן אָפּרוף אויף פּרצעס דראַמע — אַן אַרטיקל פֿון דעם בונדישן קריטיקער ב. וולאַדעק אין 1908 — העלפֿט אַוועקשטעלן פּרצעס דראַמע אין דער בין־השמשות־אַטמאָספֿער, וואָס האָט באַהערשט די ייִדישע ליטעראַטור נאָכן דורכפֿאַל פֿון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע.

ביַים אַנאַליזירן דאָס געשטאַלט פֿונעם בדחן אין דער דראַמע און זיַינע רייד קען מען איַינזען ווי אַזוי "ביַי נאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק" שפּיגלט אָפּ פּרצעס ליטעראַרישן און גיַיסטיקן ויתרוצו: פֿון איין זיַיט, אַ צוגאַנג וואָס דערמאָנט אָן דער שפּעטער השׂכּלה; פֿון דער אַנדערער זיַיט דאַרף די דראַמע באַטראַכט ווערן ווי אַן אָנזאָג פֿון דעם ייִדישן מאָדערניזם, הגם פּרץ אַליין האָט געהאַט אַ גאָר רעזערווירטע מיינונג וועגן די מאָדערניסטישע טענדענצן אין זיַין ציַיט. אָט די באַטיַיטן אינעם טעקסט שאַפֿן זיך צוליב דעם, וואָס אין אים ווערט אָפּגעגעבן אַ צענטראַל אָרט צו דער טעמע פֿון טויט, צו די אַפּאָקאַליפּטישע זוכענישן און צו דעם מעטאַפֿיזישן געראַנגל מיטן גאַנג פֿון ציַיט.

## אַבֿידבֿ ליפּסקער

# די צענטע מוזע

דער זשורנאַל **אַלבאַטראָס**, וואָס איז אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פֿון אורי־צבֿי גרינבערג אין 4 העפֿטן (וואַרשע־בערלין, 1922–1923), האָט פֿאַר־פֿלאָכטן אין זיך פּאָעטישע, דערציילערישע, פּובליציסטישע, גראַפֿישע און טיפּאָגראַפֿישע עלעמענטן. אין דער גראַפֿישער אויספֿורעמונג פֿון **אַלבאַטראָס** קען מען דערקענען דעם כאַראַקטער פֿונעם ייִדישן מאָדערניזם, מיט זײַנע עקספּרעסיאָניסטישע און אַוואַנגאַרדישע אייגנקייטן.

דער רעדאַקטאָר אורי־צבֿי גרינבערג האָט געגעבן אַ פּאַסיקן אויסדרוק אָט די נײַע טענדענצן, דער עיקר לויט דעם וואָס איז געווען באַקאַנט פֿון דער דײַטשער פּעריאָדיק – פֿון אַזעלכע צײַטשריפֿטן ווי *Die Aktion* און *Der Sturm*, און פֿון דער פֿאַרלעגערישער טעטיקייט, וואָס האָט זיך געפֿירט אַרום די זשורנאַלן.

דער אַרטיקל אַנאַליזירט ווי אַזוי זייערע טיפּאָגראַפֿישע המצאות זענען מגולגל געוואָרן אין **אַלבאַטראָס**, און וואָסערע ענדערונגען זענען דאָרטן פֿאָרגעקומען; דער עיקר האָט אין דעם געהאַט אַ האַנט דער קינסטלער הענריק בערלעווי, אַל. ליסיצקיס תּלמיד, וואָס איז געווען אַ פּיאָניר פֿון דער אַוואַנגאַרדישער טיפּאָגראַפֿיע אין אייראָפּע פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. די אַרבעט איז אויסן פֿאָרצושטעלן דעם עסטעטישן און פּאָעטישן צוגאַנג פֿון **אַלבאַטראָס**, וואָס איז געוואָרן דער קערן פֿון אורי־צבֿי גרינבערגס שפּעטערדיקער אַקטיוויטעט, ניט נאָר ווי אַ מאָדערניסטישער פּאָעט, נײַערט אויך ווי אַ גרונטלייגער וואָס שײַך דער אַרטיסטישער אויספֿורעמונג פֿון ביכער און ליטעראַרישע זשורנאַלן אין ארץ־ישׂראל, פֿון 1924 און ווײַטער.

## לעאָנאַרד פּראַגער

# וועגן אַבֿרהם סוצקעווערס פּאָעמע "צו פּוילן"

אַבֿרהם סוצקעווערס פּאָעמע "צו פּוילן" איז טיף פּערזענלעך, אַן אויסדרוק פֿון דעם דיכטערס ייִאוש און ווייטיק צוליבן באַוויַיזן זיך פֿונעם אַלט־ניַיעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז אים אַנטקעגנגעקומען שוין אינעם באַפֿריַיטן פּוילן, אויפֿן וועג פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד צו מערבֿ־אייראָפּע.

די פּאָעמע איז סיַי דעם דיכטערס אַ קלאָגליד און סיַי אַ לויבגעזאַנג צו יענע גרויסע מאָמענטן, וואָס האָבן געוועקט די אילוזיע אַז עס איז מעגלעך אַ פּויליש־ייִדיש צוזאַמענלעבן, לטובֿת ביידע צדדים.

דער פּאָעט וויל ניט משפּטן דאָס גאַנצע פּוילישע פֿאָלק, מחמת עס זענען אין אים געווען אויך איידעלע מענטשן, וואָס האָבן מקריבֿ געווען זייערע לעבנס כּדי צו ראַטעווען ייִדן אין די טעג פֿון אומקום. אין זייער זכות וויל ער זיך אָפּהאַלטן פֿון פריידיקן נקמה־נעמען. אָבער דער דיכטער געזעגנט זיך מיט די אַלטע, הייליקע ייִדישע בית־עולמס און גרייט זיך אויף זיַין וויַיטערדיקן וואַנדערוועג.

אַבֿרהם נאָווערשטערן

# דעם נסתּרס בריוו צו שמואל ניגערן

אין דער דאָזיקער פּובליקאַציע ווערן געבראַכט 34 בריוו, וואָס דער נסתּר האָט געשריבן צו שמואל ניגערן אין די יאָרן 1923–1907. צוזאַמען מיט נאָך אַ בריוו, וואָס איז שוין אַ מאָל געדרוקט געוואָרן,נעמט אָט די פּובליקאַציע אַרײַן דעם נסתּרס גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ מיט אַ ליטעראַרישן אינטערעס, וואָס געפֿינט זיך אין שמואל ניגערס קאָלעקציע אין ייִוואָ.

פֿון איר שאַפֿט זיך אַ בילד מכּוח די פֿאַרוויקלטע באַציִונגען צווישן דעם שרײַבער פֿון איין זײַט און זײַן רעדאַקטאָר און קריטיקער פֿון דער אַנדערער. ווײַזט זיך אַרויס, אַז הגם ניגער האָט זיך אָפּגערופֿן גאַנץ נעגאַטיוו אויף דעם נסתּרס ערשטע ווערק, האָט דער שרײַבער געשאַצט גאָר הויך זײַן מיינונג, און מיר האָבן אַ יסוד צו טראַכטן אַז זי האָט געהאַט אַ גאַנץ באַטײַטיקע השפּעה אויף דער ריכטונג און דעם כאַראַקטער פֿון זײַנע קינסטלערישע זוכענישן.

פֿון די הערות צו די בריוו דערוויסט מען זיך מכּוח דעם נסתּרס אַ פּאָר אומבאַקאַנטע זאַכן, וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אין דער ייִדישער פּרעסע (בתוכם אַ פֿריִע איבערזעצונג אויף רוסיש), אָפּרופֿן אויף זײַנע ביכער אין דער רוסיש־ייִדישער פּעריאָדיק, ווי אויך מכּוח די פֿאַרלעגערישע איניציאַטיוון וואָס האָבן סטימולירט דעם נסתּרן איבערצוזעצן קינדער־ליטעראַטור אויף ייִדיש און אָנהייבן זײַן אָריגינעל שאַפֿן אויף דעם געביט.